# תורת אביגדור
## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון הרב רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת מקץ–חנוכה

## האטס אמונה אין בורא כל עולמים!

*זונטאג נאכמיטאג ערב חנוכה, שנת תש"פ*

ענדליך! געכאפט דעם גרויסן גנב! יעצט וועט יאנעק זיצן אין תפיסה. דארט איז וואו ער באלאנגט נאך אלעס וואס ער האט געטוען. די שומר האט אים פארשפארט אין זיין קליין טינקעלע צימערל. "דא וועסטו זיין די נעקסטע פאר יאר! איך האף דו גייסט זיך שנעל צוגעוואוינען!"

אבער יאנעק האט זיך נישט געדארפט צוגעוואוינען. ער האט אראפגענומען א שליסל פון די בינטל פון שליסלען וואס די שומר האט געטראגן אויף זיך. און ביינאכט האט ער זיך שטילערהייט ארויס געלאזט פון תפיסה, און איז אנטלאפן.

ווען די שומר האט געזען וואס דא איז געשען האט ער גערופן די הויפט פאליציי, יוסי. יוסי איז אריין אין זיין העליקאפטער און איז אוועקגעפלויגן, זוכנדיג יאנעק!

"יוסי, יוסי, יוסי, וואס איז מיט דיר היינט? איך האב דיר אזוי פיל מאל גערופן און דו הערסט מיר אפילו נישט!" זאגט זיין גרויסע שוועסטער. וואס חלום'סטו דארט?

יוסי כאפט זיך אויף און שעמערדיגערהייט נעמט ער אין אכט אז ער איז נאכאמאל געווארן פארחלום'ט אין זיין פאנטאזיע. אבער וואס זאל ער טוען? ער קען נאר טראכטן פון איין זאך, פון די 'פלעימאבייל פאליציי העליקאפטער' וואס ער האט געזען אין געשעפט. ער וויל עס האבן און ער חלומ'ט וועגן דעם טאג און נאכט. ער זעט זיך שוין ווי די הויפט פאליציי וואס פליט אין די העליקאפטער.

*מוצאי שבת חנוכה אין זיידי און באבי'ס הויז*

**זיידי:** יוסי, קום אהער. איך וויל דיר עפעס בעטן. מיר קענען נישט האבן א חנוכה מסיבה אן א דבר תורה, און דיין טאטע האט געזאגט אז דו האסט א מעשה צו דערציילן, ווילסטו? דו וועסט באקומען מער חנוכה געלט לכבוד דעם.

**יוסי:** אודאי זיידי. איך וועל דערציילן די מעשה.

יוסי שטעלט זיך אויף און דערציילט:

"פאר די לעצטע שטיק צייט חלום איך א גאנצע טאג צו האבן א 'פלעימאבייל פאליציי העליקאפטער' . איך בין אויפגעקומען מיט א גוטע פלאן ווי אזוי צו לאזן זיידי און באבי וויסן וואס זיי זאלן מיר קויפן פאר חנוכה. ווען מיר האבן געמאכט "א פריילליכן חנוכה" קארטלעך אין חדר האב איך צוגעשריבן אויף זיידי און באבי'ס קארטל אזוי:

***'טייערע זיידי און באבי, איך האב דיר אזוי שטארק ליב. איך האב אויך ליב פלעימאבייל . אפשר קען איך באקומען א 'פלעימאבייל פאליציי העליקאפטער סעט' פאר חנוכה?***

***מיט ליבשאפט, יוסי** (דיין איניקל וואס האט ליב פלעימאבייל).*

אונזער שכן מר. שפירא לערנט מיט זיידי יעדן טאג האב איך אים געבעטן צו זאגן פאר זיידי אז ער זעט ווי איך שפיל זיך מיט פלעימאבייל , און זיידי זאל מיר קויפן די 'פלעימאבייל פאליציי העליקאפטער סעט' .

איך בין געווען צופרידן! איך בין שוין געווען 100 פערצענט זיכער אז איך גיי עס באקומען. איך האב עס דאך ערלעדיגט סיי דורך די פאסט טרעגער און סיי דורך זיידי'ס חברותא. וואונדערבאר!

אבער לעצטע וואך האב איך געהערט ווי באבי זאגט פאר זיידי אז זי ווייסט נאך נישט וואס צו קויפן פאר מיר, יוסי. 'ווי אזוי קען דאס זיין?' האב איך געטראכט. האט זי דען נישט באקומען מיין בריוו? וואס איז געשען מיט די פאסט טרעגער? און מר. שפירא?

איך האב מיך געכאפט אז איך האב פארגעסן די וויכטיגסטע זאך פון אלעס! איך האב פארגעסן צו בעטן דעם אויבערשטן אז עס זאל זיך אויסארבעטן. איך האב זיך פארלאזט אויף מענטשן אנשטאט זיך פארלאזן אויף ה'! איך בין געגאנגען זאגן תהילים און בעטן דער באשעפער אז עס זאל זיך אויסארבעטן.

און ווייסטו וואס איז געשען? גיבט א קוק וואס איך האלט אין מיין האנט! די פלעימאבייל פאליציי העליקאפטער סעט! עס איז שוין מער נישט נאר אין מיין חלומות! איך האב עס טאקע באקומען!

**זיידי:** יישר כח יוסי פאר די הערליכע מעשה. אויסנאם! איך וויל נאר צולייגן עפעס וואס איך האב געהערט פון ר' מיללער אויף פרשת מקץ.

יוסף הצדיק איז געווען אין תפיסה, ער האט געבעטן די שר המשקים ער זאל אים געדענקען און אריין לייגן אפאר גוטע ווערטער וועגן אים צו פרעה. ער האט געהאפט אז אזוי וועט ער אויסגעלייזט ווערן שנעלער.

שטייט אבער אין פסוק (פרשת וישב) "ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו" "און די שר המשקים האט נישט געדענקט יוסף, און ער האט אים פארגעסן." פארוואס א דאפעלטע לשון? נישט געדענקט, און פארגעסן.

די מדרש זאגט אז עס לערענט אונז אז אפילו ווען די שר המשקים האט יא געדענקט וועגן יוסף, וישכחהו- דער אויבערשטער האט געמאכט אז ער זאל פארגעסן. פארוואס? ווייל הקב"ה האט געוואלט אז יוסף זאל זיך פארלאזן נאר אויף אים און נישט אויף מענטשן.

און יוסעלע, דו האסט דאס נישט געוואוסט אבער דער באשעפער האט געטוען די זעלבע זאך צו דיר! באבי האט באקומען דיין קארטל א גאנצע וואך נאך דו האסט עס ארויס געשיקט, און מר. שפירא האט געהאלטן און איין פארגעסן מיר צו זאגן וועגן דיין פלעימאבייל פאליציי העליקאפטער! הקב"ה האט געפירט אז עס זאל אזוי געשען.

זעט אבער אויס אז ווען דו האסט אפגעמאכט ביי זיך אז דער אויבערשטער פירט אלעס, נאר ער קען העלפן, דעמאלט האט ער געמאכט אז מיין חברותא זאל געדענקען און אז די קארטל זאל שוין אנקומען! דו האסט באקומען די זעלבע לימוד ווי יוסף הצדיק.

נאך אלע אונזער השתדלות, דארפן מיר געדענקען אז עס איז דער באשעפער וואס פירט און מאכט אלעס און אן אים קען גארנישט זיין!

**האב א גוטן שבת און א לעכטיגן און פריילליכן חנוכה.**



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860